שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

**'חנוך לנער'**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר כ"ה**

חודש טבת שנת תשפ"ד לפ"ק

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל

**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**

איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**

אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**


לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**


~ ~ ~

**ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל:** dyyms12@gmail.com

**וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים**

**נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9**


©

כל הזכויות שמורות


מכון דורשי יחודך


נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


ווי אזוי אונגארן איז געראטעוועט געווארן פון די רעפאָרמער ....... א
די געוואלדיגע סודות וואס ווערט נתגלה בדורות האחרונים ......... ב
דאס הערשאפט וואס איז דא ביי יעדן איד ............................ ג
מיטגעשלעפט זיין גאנצן דור אין עולם הבא ............................ ה
א מער ווירקזאמע סגולה פאר קינדער ווי מוסר ......................... ו
א מעשה'לע - דאס איז שוין אנדערע ווערטער... ......................... ח
אראפגעלאזט דעם גאון א פראַסק... ....................................... ח
דער מורא'דיגער 'עת רצון' בשעת אַן 'עת נסיון' ....................... יא
ווען האט דאס קינד צו פארדאנקען זיין אידישקייט? ............ יב
ווי האט דער צדיק דערגרייכט צו אזעלכע הויכע מדריגות? ......... יג
גאנצע צוויי יאר נישט גערעדט מיט זיין קינד! ......................... יד
אריינכאפן דאס פייגעלע גרינגערהייט אין נעץ ......................... טז
הונדערט שליסלעך ............................................ יז
האב אינזין כאטש דעם אויסלאָז ........................ יח
אנטדעקן אין דאס גשמיות אַן אור פון אצילות! ..................... כ
"בדרך שאדם רוצה לילך, מוליכין אותו" ............................ כב
נאך איין מזל ער איז נישט קיין גאלדשמיד... ......................... כג
"וְעַד דֹּר וָדֹר אֱמוּנָתוֹ" ................................................ כד
תחיית המתים ביים עסן ................................................ כה
דאס פשטות און תמימות פון יעקב אבינו ................................ כו
צוויי אנדערע מענטשן ..................................................... כח


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **חיים נאה** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר כ"ה

## חנוך לנער

### ווי אזוי אונגארן איז געראטעוועט געווארן פון די רעפאָרמער

עס איז דא א חקירה; דער כלל איז דאך, "**זֶה דּוֹר דֹּרְשָׁו**"[א], עס איז דא "דור", און עס איז דא "דורשיו"; 'דור' איז דער דור, און 'דורשיו' זענען די מנהיגי הדור. איז דא א חקירה[ב], ווער איז תלוי אין וועמען? אז עס איז דא א גוטער דור, זענען דא גוטע דורשים, צו אז עס איז דא גוטע דורשים איז דא א גוטער דור? דאס הייסט, דער דור איז תלוי אין די דורשים, צו די דורשים זענען תלוי אין דעם דור? איז דער זוהר זאגט[ג], אז עס איז דא גוטע דורשים איז דא א גוטער דור - אזוי זאגט דער זוהר.

מען האט עס אסאך מאל געזען במציאות; די התחלה פון די רעפארמער רח"ל איז געווען אין אונגארן, זיי זענען געווען נישט אנדערש פון דייטשלאנד, נאר דער אויבערשטער האט אראפגעשיקט צדיקים, דער חתם סופר, דער קדושת יום טוב, דער קאלובער רב, און עס איז געווארן אַן אנדערע מדינה, גאר אנדערש, עס איז געווען גוטע דורשים, עס איז תלוי אין דעם דורש.

---

**א.** תהלים כד, ו.

**ב.** עיין ערכין יז ע"א.

**ג.** עיין זוהר חדש תיקון א'.

## די געוואלדיגע סודות וואס ווערט נתגלה בדורות האחרונים

בפרט היינט, מען זעט היינט במציאות אז מען קען אויפטון א וועלט; 'מצד אחד' איז מורא'דיג אויף דער וועלט, עס איז ממש א דור המבול, צו אפילו ערגער פון דעם דור המבול - דער אויבערשטער זאל אפהיטן וואס עס טוט זיך. און (מצד שני) מען קען אויפטון אויף אידן, מען קען מקרב זיין אידן, קינדער האבן (היינט) ליב צו הערן אידישקייט - זיי ווילן הערן, זיי ווילן הערן ווארעמקייט אין עבודת השם, ממש מען זעט זאכן וואס דער אויבערשטער האט דאס היינט מוסיף געווען נאך מער ווי פריער.

איך געדענק, פאר פופציג יאר צוריק איז דאס נישט געווען, קיינער האט נישט געוואלט הערן, אפילו סיפורים וואס דער דרשן האט גערעדט; ברוך השם, היינט וויל מען הערן! מען קען היינט אסאך אויפטון אויף דער וועלט.

ברוך השם, עס איז דא אסאך חומר היינט וואס איבערצוגעבן, אזויפיל ספרים, אינטערסאנטע זאכן.

איך זאג איבער אלעמאל, עס איז דא א ספר אויף די 'כוונות' פון המקובל [רבי פרץ[ד]], זאגט ער: "אל תתמה" וואס עס ווערט נתגלה בדורות אחרונים אזעלכע ענינים, אזעלכע סודות, אזעלכע

---

ד. עיין ספר "מנחת יהודה" (להחסיד המקובל הר"ר יהודה חייט ב"ר יעקב זצ"ל, ממגורשי ספרד) והוא פירוש על ספר "מערכת האלקות" לרבינו פרץ (- מתקופת הבעלי תוספות), וז"ל: **ואשרינו מה טוב חלקנו שזכינו לספר הזוהר אשר לא זכו קדמונינו אשר קטנם עבה ממתנינו**, כמו רב האי גאון ורב ששת גאון והרב ר' אליעזר מגרמייזא והרמב"ן והרשב"א והראב"ד, שכל אלו היו מכלל יודעי חן, ולא טעמו מדבשו, כי בזמנם לא נתגלה. **ואל תתמה מזה, כי בודאי לא נתגלה עד דור האחרון אשר אנחנו בו היום.** וסיוע לזה מצאתי בספר התיקונים וזה לשונו, אמר ליה אליהו לרבי שמעון, רבי רבי, כמה זכאה אנת דמהאי חבורא דילך יתפרנסון כמה עילאי עד דאתגלי לתתאי בסוף יומיא, ובגיניה ושבתם איש אל אחוזתו ואיש אל משפחתו תשובו, עד כאן לשונו. הנה מבואר מכאן שהחיבור מהזוהר היה עתיד להיות גנוז, ובאותו הזמן יתהנו ממנו העליונים והם המלאכים, עד שיבא הדור האחרון בסוף הימים, שאז יתגלה לתחתונים, ובזכות העוסקים יבא משיח, כי אז תמלא הארץ דעה בסבתו, אשר זה תהיה סיבה קרובה לביאתו, וזהו שאמר ובגיניה ושבתם איש אל אחוזתו. גם עיין לשון החכם הגאון מוהר"ר יעקב צמח זצוק"ל (שהוא התחיל לסדר כתבי האריז"ל. שם הגדולים) בהקדמת

שיינע זאכן אין אידישקייט, וואס די ראשונים האבן דאס נישט געוואוסט, וואס אונז קומען דאך נישט צו 'לצפרני רגליהם'. זאגט ער, "**אל תתמה, 'לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ'**[ה], **דער אויבערשטער ווייסט ווען אראפצושיקן די דיבורים און די חידושים וואס דער דור דארף ערשט האבן!**". אדרבה, דער דור דארף ערשט האבן גאר גרויסע רפואות, שיקט דער אויבערשטער אראפ אזעלכע זאכן, אזעלכע גילויים, אזעלכע אינטערסאנטע זאכן, ווייל דער אויבערשטער ווייסט דער מצב.

## דאס הערשאפט וואס איז דא ביי יעדן איד

דער רבי איז מגלה אין ליקוטי מוהר"ן סימן נ"ו[ו], יעדער איד האט א מלכות! יעדער איד האט אונטער זיך מענטשן וואס ער איז זייער

---

ספרו "רנו ליעקב" וז"ל: עוד נ"ל, כי **גילוי חכמה זאת עתה בדורות גרועות הוא, כדי שיהיה לו מגן עתה לאחוז בלבב שלם באבינו שבשמים**, כי באותן הדורות הרוב היו אנשי מעשה וחסידים, והמעשים טובים היו מצילין אותן מפני המקטרגים, ועתה רחוקים משורש העליון כמו השמרים בתוך החביות, מי יגן עלינו אם לא קריאתינו בחכמה זאת הנפלאה והעמוקה, ובפרט ע"ד שכתב הרב ז"ל שהנסתרות נעשו עתה כמו נגלות, כי בדור הזה מושל הזנות ומלשינות ולה"ר ושנאה שבלב, ונתפשטו הקליפות באופן שמתבייש האדם לנהוג דברי חסידות, וה' יגן עלינו וימחול לעונינו אכי"ר עכ"ל.

**ה.** קהלת ג, א.

**ו.** וזל"ש אותיות א' וב': ***יש בכל אחד מישראל בחינת מלכות***, וכל אחד לפי בחינתו, כן יש לו בחינות מלכות. יש שהוא שורר בביתו, ויש שהוא מושל ביותר, וכן יש שהוא מושל על כל העולם, כל אחד לפי בחינת המלכות שיש לו, בבחינות: "שרי אלפים ושרי מאות ושרי חמשים ושרי עשרות" (שמות יח). **ובחינות המלכות הזאת שיש בכל אחד, היא באתגליא ובאתכסיא. באתגליא**, היינו הממשלה שיש לכל אחד לפי בחינתו, שהוא מושל על אלו האנשים באתגליא, כפי בחינת המלכות שלו כנ"ל. **ובאתכסיא** הוא, כי גם יש לכל אחד לפי בחינתו בחינת מלכות באתכסיא, דהיינו שאף שבאתגליא נראה שאין לו שום ממשלה על אלו האנשים, עם כל זה באתכסיא ובהעלם גדול, הוא מושל על אלו האנשים. כי נשמתם הם תחתיו, ונכנעים תחתיו. וגם זאת הבחינה של מלכות באתכסיא, היא לכל אחד לפי בחינתו בבחינת: "שרי אלפים, ושרי מאות" וכו' ... **וצריך כל אחד, לבלי להשתמש עם בחינות המלכות שיש לו להנאתו ולצרכו, שלא תהיה בחינות המלכות אצלו כעבד למלאת תאותו** ... כי אם להשם יתברך, בבחינות (עובדיה

מנהיג; דאס טייטש, עס איז דא 'בְּאִתְכַּסְיָא' נשמות וואס זיי קערן צו דעם און דעם מענטשן.

איך זאג טאקע אלעמאל איבער דער תורה, אז דער רבי זאגט, "יעדער איינער האט א מלכות וואס ער קען אויפטון '**בְּאִתְגַּלְיָא**', און א מלכות '**בְּאִתְכַּסְיָא**'". דארף ער טון סיי פאר דער 'מלכות באתגליא' - זען ווי זיי שטייען אין אידישקייט, טון פאר זייער קדושה, זוכן פאר זיי אלע מיני עצות, פארציילן מעשיות פון צדיקים, זען שטענדיג אז זיין מלכות זאל זיך פירן מיט א מלכות דקדושה - דאס איז באתגליא. און עס איז פאראן אמאל 'באתכסיא'. און אז עס איז דא א גוטער חבר וואס מען איז מקבל איינער פון דעם צווייטן, ווערט אויך איינערביים צווייטן א מקבל מיט א משפיע[ז].

דער רבי זאגט דארט[ח], עס איז דא א נפש וואס באתכסיא האט ער א גרויסע מלוכה, אבער וויאזוי איז ער עס משפיע? בלימוד

---

א): "**והיתה לה' המלוכה**", דהיינו להשתמש עם המלכות לעבודת השם יתברך, דהיינו להזהיר ולהוכיח את כל הנשמות שנכנעים אליו.

**ז.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ד, אות ד', וזל"ש: **וכל אחד ואחד מישראל, יש בו בחינת "צדיק מושל"** שהוא בחינת מלא פום, כמו שכתוב (ישעיה ס'): "ועמך (ישראל) כולם צדיקים". וזהו פירוש (תהלים קי"ד): "ישראל ממשלותיו", היינו 'מי מושל בי - צדיק'. **כי יש בכל אחד מישראל, דבר יקר שהוא בחינת נקודה, מה שאין בחבירו**. כמעשה דאביי ואבא אומנא (תענית כ"א), שהשיבו לו, 'לא מצית למעבד כעובדא דאבא אומנא' וכו'. **ובחינה הזאת שיש בו יותר מחבירו, הוא משפיע ומאיר ומעורר לב חבירו, וחבירו צריך לקבל התעוררות ובחינה הזאת ממנו, כמו שכתוב "ומקבלין דין מן דין"**. עיין גם ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות ד', וזל"ש: וכל אדם יכול לקיים זאת, להעמיד תלמידים. כי **כששנים מדברים יחד ביראת שמים, אזי כשאחד מאיר לחבירו באיזה דיבור, נחשב חבירו אצלו בחינת תלמיד. ולפעמים נעשה להיפך, דהיינו כשאחר כך הוא מקבל מחבירו איזה דיבור, אזי נעשה הוא בבחינת תלמיד לגבי חבירו. וצריך כל אדם ליזהר, להשתדל ולעסוק בזה**, כי "לא תוהו בראה לשבת יצרה" (ישעיה מ"ה), כי צריך כל אחד לעסוק בישובו של עולם, שיהיה העולם ממולא מבני אדם.

**ח.** שם בסי' נ"ו הנ"ל בהמשך, וז"ל (ע"פ ליקוטי עצות): אבל **אי אפשר להוכיחם ולהזהירם כראוי כי אם על ידי עסק התורה, שעל ידי זה יכולים להוכיח הכל אפילו הרחוקים ממנו מאד מאד, ואפילו אם אינו יודע מה שצריך להם**. כי על ידי עסק התורה זוכים, שגם

התורה! מיט לימוד התורה איז ער משפיע התעוררות פאר דער מלכות מיט וואס ער האט א שייכות.

## מיטגעשלעפט זיין גאנצן דור אין עולם הבא

איך האב אמאל געזאגט א דוגמא אויף דעם. עס שטייט[ט], רבי פרידא פלעגט לערנען מיט עפעס א תלמיד פיר הונדערט מאל ביז ער פלעגט פארשטיין. איינמאל האט מען עפעס געווארט אויף רבי פרידא, האט דער תלמיד געזאגט פאר רבי פרידא אז ער האט נישט פארשטאנען ווייל ער האט יעדע רגע געמיינט אז דער רבי הייבט זיך אויף, דערפאר האט ער שוין נישט געכאפט. האט ער דאס דורך געלערנט מיט אים נאך פיר הונדערט מאל.

(איז ארויס א בת קול) מען האט אים געפרעגט וואס ער וויל, צו אז ער זאל לעבן נאך פיר הונדערט יאר [- א פשוט'ע שכל, ער גיט דאך אוועק אזויפיל צייט פאר איין תלמיד, ער קען דאך משפיע זיין א וועלט], צו אז דער אויבערשטער זאל אים באצאלן אז ער מיט זיין דור זאלן האבן עולם הבא. האט ער געזאגט, ער וויל אז ער מיט זיין דור זאלן האבן עולם הבא. האט מען אים געגעבןביידע זאכן. ער האט געלעבט פון סוף בית שני ביז דער זמן האמוראים! - אזוי ווייזט אויף דער "סדר הדורות"[י].

דער אר"י הקדוש פרעגט[יא], וואס איז פשט? פארוואס זאל זיין גאנצער דור האבן עולם הבא? נאר, די נשמות גייען אזוי ווי צווייגן; יעדער בוים האט דאך צווייגן, און יעדער צווייג האט ווייטער

הרחוקים מאד ישמעו קול הכרוז של התורה, שמכרזת וצועקת תמיד, עד מתי פתיים וכו', ועל ידי זה ישובו הכל אל ה'.

ט. עירובין נד ע"ב.

י. חלק 'סדר תנאים ואמוראים' - בערכו, אות פ', עיין שם.

**יא.** שער מאמרי רז"ל - מס' עירובין שם, וזל"ש: **וזה פלא עצום שלא מצינו שכר גדול כזה אפילו למרע"ה על כל שבחיו העצומים שיזכו כל הדור ההוא שלו שאין דור פחות**

צווייגן, און יעדעס צווייגעלע האט ווייטער צווייגן, אזוי גייט עס; אזוי אויך איז פארהאן א גרויסער צווייג (- נשמה גדולה), וואס עס זענען דא מענטשן אפילו היינטיגע צייטן וואס קומען צו צו זייער תיקון נאר דורך אים, ווייל זיי זענען פון זיין צווייג, פון זיין 'דור'. 'זיין דור', איז דער פשט, אלע וואס האבן א שייכות צו זיין נשמה[יב] - עס קען אויך זיין פון נשמות אין הונדערטער יארן ארום וואס עס וועלן זיין פעולות וואס מען וועט זיי וועקן און נישט לאזן רוען ביז זיי גייען צו צו זייער תיקון. איז דאס האט מען אים געגעבן פאר 'זיין דור'.

אט דאס איז דא ביי יעדן איינעם, א מענטש דארף דאס וויסן, "**כל ישראל בני מלכים**", יעדער מענטש האט א מלכות, סיי ביי די קינדער, סיי ביי מענטשן וואס ער האט אויף זיי א השפעה, און עס איז מוטל אויף אים צו טראכטן אלע מיני עצות אז עס זאל זיך פירן ארום אים א מלכות דקדושה.

דער רבי זאגט, מען קען אמאל נוצן דער מלכות 'כעבד למלאות תאוותו' פאר גאוה מיט כבוד מיט זאכן; מען דארף עס נוצן אז עס זאל זיין "**וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה**", זען אז אלע (ענפים) פון דיין מלכות זאלן זיין פרייליך, זאלן זיין צופרידן, זאלן האבן אמונה, זאלן האבן בטחון, טוה וואס דו קענסט.

## א מער ווירקזאמע סגולה פאר קינדער ווי מוסר

איך זאג אלעמאל, א מגיד שיעור אז ער דארף זאגן (א שיעור אין) א בלאט גמרא, קען ער ארבעטן פינעף שעה לכל הפחות צו

---

מס' **רבוא לעוה"ב**, וכבר אמרו בסנהדרין 'דור המדבר אין לו חלק לעוה"ב' - והם דורו של משה!? - וכו' עיין שם.

**יב.** פירוש הפשוט של מילת 'דור' הוא 'שורה', כמו שמצינו כמה פעמים בש"ס "דרי דרי" שפירש"י - "שורות שורות". לעניינו, "בני דורו", פירוש, הנשמות מהענפים של השורה שלו, כלומר המשתייכים לשורש נשמתו, על אף שהם מאות שנים לאחר מכן.

זאגן א בלאט גמרא; א טאטע מאמע האבן דען נישט קיין צייט במשך א וואך?!

עס איז דאך דא היינט אזויפיל מעשה ביכלעך, אזויפיל ווערטער פון חפץ חיים, פון חזון איש, פון חסידישע צדיקים, אמאל קליינע עובדות, קליינע מעשה'לעך, און אמאל א גרעסערע מעשה.

א קינד הערט יעדע מעשה פון א צדיק, וואס אדער זאגט עס א דעת תורה, אדער זאגט עס א כפיית היצר, אדער זאגט עס א מידה טובה. אז מען גיט א דוגמא, נאכער, וואס דו ווילסט, דערהערט ער. אז ער דערהערט א מעשה - קען ער ווערן וואס דו ווילסט, עס איז א נאטור[יג].

דער חזון איש האט געזאגט: **"עס איז בעסער ווי מוסר!"**[יד]

אז מען זאגט היינט א קינד מוסר, הערט ער דאס ווי גלייך מען האט אים געטשעפעט... ער באקומט גארנישט, עס העלפט אים גארנישט; אז מען דערציילט א מעשה, הערט ער אנדערע ווערטער[טו].

---

יג. עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רמ"ח: **דע שסיפורי מעשיות מצדיקים, הוא דבר גדול מאד, כי על ידי סיפורים מצדיקים נתעורר ונתלהב הלב בהתעוררות גדול להשם יתברך בחשק נמרץ מאד, כי הרשימו שעשה אותו הצדיק שמספרין ממנו, על ידי עבודתו את השם יתברך, זאת הרשימו נתעוררת בעת שמספרין מהצדיק, והיא מעוררת להשם יתברך בהתעוררות גדול.**

יד. עיין ספר פאר הדור (תולדות חייו של מרן החזו"א), חלק ד' פרק כ"ח: מרגלא בפומיה: **"תולדות חייהם של גדולי ישראל הם ספרי המוסר הטובים ביותר"**.

טו. עיין הקדמת ספה"ק "סיפורי מעשיות", מש"ש הרה"ק מוהרנ"ת זצוק"ל בזה"ל: באותו הזמן, שהתחיל רביז"ל לעסוק בסיפורי מעשיות, אמר בפירוש בזה הלשון: "הנני אתחיל לספר מעשיות", **"איך וועל שוין אן הייבן מעשיות דער ציילין"**. וכוונת דבריו היה, כמו שאומר: **מאחר שאינו מועיל לכם לשוב אל השם יתברך על ידי התורות והשיחות הקדושות וכיוצא בזה,** מה שעסק ביגיעות גדולות כל ימיו להשיבנו אל השם יתברך באמת לאמיתו, ומאחר שאינו מועיל כל אלה, **על כן הוא מתחיל לעסוק בסיפורי מעשיות.**

## א מעשה'לע - דאס איז שוין אנדערע ווערטער...

איך זאג אלעמאל, עס איז א בפירוש'ע רש"י. רש"י זאגט אין "אחרי מות"[טז]: "**משל לחולה שנכנס אצלו רופא**", האט ער אים געזאגט: "**אל תאכל צונן ואל תשכב בטחב**". שוין, אזוי איז ער אוועקגעגאנגען. איז געקומען א צווייטער דאקטער, האט ער אים געזאגט: "**אל תאכל צונן ואל תשכב בטחב, שלא תמות כדרך שמת פלוני - זה זרזו יותר מן הראשון**". ער גיט אים א דוגמא, 'זעסטו? ער האט נישט געפאלגט, זעה וואס עס איז פון אים געווארן!' - א מעשה'לע... ער האט אים נישט געטשעפעט, ער האט אים נאר דערציילט א מעשה פון יענעם - דאס איז שוין אנדערע ווערטער...

## אראפגעלאזט דעם גאון א פראַסק...

טאקע רבי דוד יונגרייז[יז], ער פלעגט לערנען אין "זכרון משה", פלעגט ער דערציילן אַן אלטע מעשה[יח]: אין אלט-שטאט איז דא א חצר - "רבי ישעי בארדאקי'ס[יט] חצר". [אינטערסאנט, דער חצר איז

---

**טז.** ויקרא טז, א.

**יז.** עיין תולדותיו בספר 'דורשי יחודך' יסודי היהדות ח"א מאמר ה' ס"ק מ"ב.

**יח.** עיין זמירות - יום מחמדים (פרק י"ד) מה שמוסיף מורינו שליט"א: את העובדא הזו שמעתי כשלמדתי בכולל הישיבה הקדושה 'אהל משה' של חותני הרה"ג ר' אברהם (בהרי"ש) בלויא זצ"ל [אשר נתייסדה ע"י זקנו הגה"צ רבי ישעי' אורנשטיין זצ"ל, בביתו ועל שמו של רבו המובהק הגה"ק מהרי"ל דיסקין זי"ע], בתקופה ששכנה בביהמ"ד 'קהל יראים' בשכונת מאה שערים, ועמד אז בראשותה הגה"צ שר התורה והיראה רבי דוד יונגרייז זצוק"ל ראב"ד מקודש דפעיה"ק ירושלים תובב"א, וממני שמעתי הסיפור.

**יט.** ה"ה **הרה"ח ר' ישעי'** ב"ר ישכר דוב **בארדאקי ז"ל**, מראשי מנהיגי קהילת הפרושים בירושלים. נולד בשנת תר"נ בפינסק. למד בישיבת וואלאזשין אצל הג' ר' חיים מוואלאזשין זצ"ל תלמיד הגר"א. לאחר שהתאלמן מאשתו הראשונה עלה לארה"ק סביבות שנת תק"ע. [בשייכות לעלייתו מסופר ונתפרסם האגדה הבאה: כיון שבגיל צעיר התאלמן, החליט לעלות עם שני ילדיו היתומים, בן ובת, לארץ הקודש. הוא עלה בספינה, כשבאמצע הדרך התחיל לנַשב רוח סערה עד למאד, הים זעף והתחזקו הרוחות עד כדי כך שנשברה הספינה וטבעה. ר' ישעי' מצא עצמו בים, כששני ילדיו נתלים עליו. כוחותיו עזבו את גופו במהירות, והוא חשב, או שבא סופו, או שיהיה עליו לוַתר על אחד מילדיו. אך את מי ישליך ואת מי יציל?

נאך קיים 'עד היום', דאס איז נאך וואס מען גייט דארט אראפ אויף (רחוב) "אור החיים" אין אלט-שטאט; אז מען הייבט זיך אָן איינדרייען ביי די געסעלע, איז דאס אין דער ווינקל אויף לינקס. דער ר' אהרן זאב חשין[כ] וואס איז נעבעך גע'הרג'עט געווארן לערנענדיג מיט קינדער, האט געוואוינט אין "בתי מחסה", אבער ער האט געדאווענט אין דעם שטיבל], דארט איז געווען א ליטווישער שול'כל וואס אידן פלעגן קומען דאווענען.

על כל פנים, דער רבי ישעי' בארדאקי איז געווען א ממונה אויף דעם ווילנער כולל. אמאל האט מען דאך געלעבט פון כולל - אלע 'יוצאי אונגארן' האבן געלעבט פון דעם אונגארישן כולל, אלע 'יוצאי גאליציע' האבן געלעבט פון דעם גאליציאנער כולל. דעמאלטס איז

---

נזכר רבי ישעי' בדברי הגמרא (הוריות יג ע"א) שבהצלת נפשות יש דין קדימה להציל איש קודם לאישה, משום שהאיש מחוייב בכל המצוות. כשהחל להרפות ידיו מבת יחידו והרגישה שהנה נופלת לתוך הים, אזי פרצה בשאגה בבכי קורעת לב שלא שמע צעקה כזו מעודו: "אבי! אבי! רחם עלי!". מיד נתמלא רחמים על בתו, והנה הרגיש שכוחותיו חזרו אליו והרי הוא כבריה חדשה. הוא העלה אותה חזרה על כתפו וניסה להמשיך לשחות ככה עד שבאופן פלא הגיע לחוף בשלום. אחר שנרגע מעט ענה ר' ישעי' לבתו הקטנה: "לא אני הצלתיך, רק אַתְּ הצלת את עצמך! כי בשאגתך "אבי, אבי", נשפת בי כוחות חדשים, כוחות שלא ידעתי שהיו קיימים בי כלל!". בסַפרו זאת לבני אדם, סיים הגאון ואמר: "דעו נא, לא לשוא זימן לי הקב"ה סיפור זה, כי השי"ת רצה ללמדני, כי יש מצב שהקב"ה מותש כביכול מכח עוונותיהם של ישראל, כמו שכתוב בפרשת האזינו: "צור ילדך תשי". אבל "בנים אתם לה' אלוקיכם", ולכן כשאיש ישראלי צועק מכל עמקי לבו באמת: 'אבי' 'אבינו מלכנו', אז "תנו עוז לאלוקים" - אנחנו יכולים לתת להשי"ת כח ועוז כביכול]. בירושלים נשא ר' ישעי' את בתו של הרה"ג ר' ישראל משקלאוו זצ"ל תלמיד הגר"א. היה תלמיד חכם והשאיר אחריו ד"ת עמוקים בקיצור נמרץ על גליוני ספריו, וביחוד בסדר קדשים, והרה"ק רבי יהודה אסאד זצ"ל הדפיס בשו"ת יהודה יעלה סימן ק"ע תשובה לדברי תורה שכתב אליו. היה מגדולי ראשוני הלוחמים נגד המשכילים בארה"ק, ובעיקר נגד הרעיון של 'ישיבת כלאים' דהיינו לימוד לימודי חול במוסדות התורה, ועסק הרבה למען 'החרם' מגדולי דורו נגד רעיון מכוער זה. הוא הקים בית הכנסת בשם "סוכת שלום" ליד רחוב "אור החיים" בעיר העתיקה אשר נקרא על שמו "חצר ר' ישעיה". נסתלק לעולמו י"ח חשון תרכ"ג.

**כ.** נהרג על קידוש השם ע"י הענגליש'ע חיילים יחד עם בתו הכלה בביתו בירושלים העתיקה בעת למדו עם תשב"ר מוכתר בטלית ותפילין, ביום י"ז אדר ב' תש"ח, הי"ד. אביו של הרה"ח ר' משה חיים חשין - מחבר ספר "המסורת" לתשב"ר - ספר הא"ב המופץ בארה"ק.

געווען, אז מען האט געלערנט, האט מען געקענט באקומען שיינע חלוקות, עס איז געווען כוללים וואס א האלבע פרנסה איז געווען ממש דער כולל געלט. איז דער ווילנער כולל האט געגעבן פיר מאל א יאר שיין געלט, זייער שיינע חלוקות, און עם כל זה, ווען איינער האט געדארפט אמאל פארריכטן א וואנט, צו איינער האט געדארפט חתונה מאכן א קינד, האט מען געגעבן זייטיגע זאכן אויך.

אמאל איז געקומען א איד אינמיטן יאר צו רבי ישעי' בארדאקי, און ער האט אים געזאגט, 'עס איז אים שוין זייער ענג דער מצב, די שכנים בארגן שוין נישט, דער קלייטניק בארגט אים שוין נישט, ער האט שוין נישט קיין געלט מער'.

(השואל: מען מעג בארגן? [כא]) אויף עסן מוז מען דאך בארגן, עס איז נישטא קיין עצה.

על כל פנים, קיינער בארגט אים נישט, ער קען זיך נישט קיין ריר געבן, עס איז נישטא קיין עצה, עס איז איום ונורא דער מצב. שוין, גייט ער צו צו דער קאסע. זאגט ער אים, "ר' איד, עס איז נישטא קיין געלט!" האט דער איד אים דערלאנגט א פראסק - דעם ר' ישעי' בארדאקי... - איום ונורא!

אַהּ! מען זעט דא דער כח פון א אידן. די טבע איז דאך אז עס ווערט אויפגעהיצט דער בלוט - 'וואס ווילסטו? איך האב דיר דאך געוואלט געבן - איך האב נישט!'. אבער ער האט אים געזאגט: "ווארט, ווארט!" ער איז געגאנגען, אים האט מען יא געהאט געגעבן

---

**כא.** השואל מכוון כלפי מה שמקובל אצל חסידי ברסלב גודל האזהרה מרביז"ל לתלמידיו מלהיות בעל חוב. והרי לפניך מה שכתוב מרביז"ל בשיחות הר"ן אות קכ"ב: **וטוב לסבול דוחק** אפילו במזונות וכל שכן במלבושים ודירות וכו' **ולא להיות בעל חוב**. ומוטב שיהיה בעל חוב לעצמו או לבני ביתו במלבושים מלהיות בעל חוב להחנוני או לאחרים. כי בכל עניני פרנסה צריכין להמתין עד שיבוא עתו, וכו' עיין שם. גם עיין ליקוטי הלכות הל' הלואה ה"ה, אות א', וז"ל: **הזהיר רביז"ל שיזהר מלהיות בעל חוב**, ובפרט מי שרוצה לעשות תשובה, כמו שכתוב בספר הא"ב (ספר המידות) הקדוש, וזה לשונו (ערך תשובה, אות מ"ו): **"מי שרוצה לשוב, יזהר מלהיות בעל חוב"**.

געלט, האט ער גענומען א שיינע סומע געלט און אים דאס אהין געגעבן מיטביידע הענט, און האט אים געזאגט: **"זיי מיר מוחל, ווען איך ווייס ווען אז עס איז אזוי ביטער ביי דיר, וואלט איך עס פריער געטון!"...**

פון וואו האט ער געוואוסט אז עס איז יענעם אזוי ביטער? ווייל ווען א איד גיט א פאטש - ווער ווייסט ווי ביטער פאר אים איז? ווער ווייסט?![כב]

איר פארשטייט? א שטיקל 'התגברות המח על הלב', **דאס איז דער גאנצער איד!**

**דער גאנצער איד איז, 'משליט זיין מח על הלב'!**

אָן קיין 'מח על הלב' קען ער אפטון 'כל מעשי בהמה'; אביסל ישוב הדעת.

אז מען דערציילט א קינד אזא מעשה, אויב זעט ער אמאל אַן אנדער קינד איז אויפגערעגט, ער טשעפעט, (פארשטייט ער,) מען דארף זיך נישט מאכן ווילסנדיג, נעבעך - א רחמנות אויף אים.

מען דארף איינגעוואוינען קינדער 'להשליט המח על הלב', דאס איז דער גאנצער איד! דאס איז געוואלדיגער כלל: מען דערמאנט א מעשה און נאכער רעדט מען פון גוטע מידות (וכדו').

## דער מורא'דיגער 'עת רצון' בשעת אַן 'עת נסיון'

איך זאג אלעמאל, א נסיון איז א עת רצון. אז דער אויבערשטער וויל פון א אידן א כפיית היצר, שטעלט מען אים א נסיון. פארוואס

**כב.** עיין כדת נפש משיבת (מאמר דרך ארץ קדמה לתורה) מה שמוסיף מורינו שליט"א על סיפור זה: סיפור זה סופר בהתלהבות עצומה ע"י הגאון הגדול רבי דוד יונגרייז זצ"ל, באחת מדרשותיו בישיבת 'אוהל-משה'. והוא לימוד נפלא עבורנו, עד כמה צירך ואפשר להשליט את המח על הלב, לא לתת לכעס ורוגז להשתלט על הרמ"ח והשס"ה, אלא להכניע את הנפש-הבהמית ואת הלב-רגז, לתת את המושכות בידי המוח המסוגל לקבל את הבזיון באהבה ולמנוע את אש המחלוקת מלפרוץ.

שטעלט מען אים אין אַן עת נסיון? ווייל עס איז רעכט, אמאל איז דא געוויסע דינים אויף אידן, צו געוויסע דינים אויף אים, און מען דארף ערשט האבן זיין המְלָכה! זיין (ביישטיין דעם) נסיון! פארקויפסטו עס פאר א 'נזיד עדשים', פאר גארנישט, רחמנא ליצלן? דער אויבערשטער וויל דאך עפעס!

עס איז דא אמאל א נודניק וואס פייניגט אמאל א מענטשן - ער פייניגט און פייניגט ביז מען ווערט אין כעס - עס איז דאך מן השמים, עס איז נישטא קיין מקרה - זיי מוותר, טראכט אז דער אויבערשטער וויל דיר ערשט מוותר זיין נאר ער ווארט פון דיר עפעס א פעולה פון וויתור![כג] אויב גייט ער מיט מידות רעות - ווערט מען אָן, מען האט נישט די וועלט און נישט יענע וועלט! אט דאס איז דער גאנצער יצר הרע.

אז מען דערציילט גוטע עובדות, גיט דאס אריין! עס איז דא היינט זייער אסאך ספרים וואס פון צוואנציג מעשיות קענסטו ארויסנעמען צוויי מעשיות וואס דאס פארצייל ביים שבת טיש, און נאכער קען מען רעדן, און די קינדער רעדן אויך, עס איז א געוואלדיגע זאך, עס איז די בעסטע זאך!

דאס איז מען מחוייב ממש, מען איז דאס מחוייב!

אז א איד האט א שטוב, דארף ער טראכטן עצות, ווי אזוי בין איך זוכה אז מיינע קינדער זאלן האבן גוטע מידות און אז מיינע קינדער זאלן האבן אמונה?! אז מען דערציילט מעשיות פון אמונה, פון השגחה פרטית, דאס איז די בעסטע זאך אין דער וועלט!

### **וועמען האט דאס קינד צו פארדאנקען זיין אידישקייט?**

עס האט מיר דערציילט א אינגערמאן, אז עפעס א חבר האט אים דערציילט, עס איז געווען א איד, ער האט געהייסן (ר' ישראל בער)

---

**כג.** עיין יומא פז ע"ב: המעביר על מידותיו מעבירין לו על כל פשעיו.

שיפמאן, ער האט געוואוינט אויף רחוב "אדמון"[כד], [די לעצטע יארן פלעגט ער דאווענען ביי אונז (בביהכ"נ ברסלב, מאה שערים)], ער איז געווען א קארלינער. אלע יארן איז ער איז געווען א מלמד אין תלמוד תורה "חיי עולם".

די ווילדקייט פון די קינדער אמאל איז געווען אסאך ערגער ווי היינט, דאס לערנען פרייטאג איז געווען געפערליך דער מצב, מען איז געקומען אין חדר זיך צו שלאגן, מען איז געקומען צו קאמאנדעווען, אנדערע פלעגן גארנישט קומען...

האט ער געמאכט - פרייטאג לערנט מען נישט, פרייטאג דערציילט מען מעשיות! די קארלינער האבן דאך אסאך מעשיות... שוין, פרייטאג פלעגט מען זיצן א צוויי שעה און פארציילן מעשיות, איז מען געקומען און מען האט געהערט.

האט ער מיר געזאגט, אז א תלמיד האט אים געזאגט: "**דאס גאנצע אידישקייט מיינע איז פון די מעשיות!**". מען זעט - די נשמה הערט, די נשמה הערט!

## ווי האט דער צדיק דערגרייכט צו אזעלכע הויכע מדריגות?

אפילו דער הייליגער רבי, אלע צדיקים פלעגן דאך איינשטיין ביי זיין טאטן ר' שמחה אין מעזיבוש, פלעגט ער דעמאלטס זיצן און הערן מעשיות פון צדיקים. האט דער רבי - וואס אלס קינד איז ער שוין געווען א חכם עתיק - געזאגט[כה], **'אט דאס האט אים דערוועקט צו אידישקייט!'** - פשוטו כמשמעו! פשוטו כמשמעו!

---

**כד.** רחוב היוצא מרחוב 'מאה שערים' בסופו - ליד רחוב 'שבטי ישראל'.

**כה.** עיין שיחות הר"ן אות קל"ח: שמעתי מפיו הקדוש בעת שדיבר עמנו מגודל הענין של סיפורי מעשיות מצדיקים, שנדפס בספריו הקדושים (בסימן רל"ד חלק א'). ואמר אז **שהוא בעצמו זכרונו לברכה עיקר התעוררותו לעבודת השם יתברך באמת היה על ידי סיפורי מעשיות מצדיקים**. וסיפר שבבית אביו ואמו הצדיקים זכרונם לברכה, היו שכיחים שם כל הצדיקים. כי כל הצדיקים היו מצויים בקהילת מעז'בוז' מחמת שהוא מקום הבעל שם טוב

דער רבי זאגט[כו]: מעשיות פון צדיקים האט א כח אז עס איז **"דוחה הרבה חושך וצרות מן העולם!"**.

אז מען דערציילט ווי ער האט זיך געפירט, ווי ער איז געווען דבוק אין אויבערשטן, ברענגט מען אראפ דעם צדיק דא! עס איז ממתיק דינים! עס גייט אריין א הארה אין יעדן איינעם, מורא'דיג!

עס איז א זאך וואס יעדער איינער דארף דאס וויסן, 'וואס טוט זיך מיט מיין המלְכה?! וואס טוט זיך?!' ליידער איז מען פארקלאפט א גאנצן טאג מיט פרנסה מיט זאכן, אבער מען דארף האבן ישוב הדעת - 'וואס איז מיט מיין מלוכה?! ווי אזוי איז מען זוכה אריינצושיינען ביים שבת טיש א געשמאק אין די זמירות און אין דער אמונה?!'. ווען מען לערנט א זאך, נעמט מען דאס און מען פארצייכנט דאס, צו (קענען איבער) פארציילן ווי אזוי דאס איז געווען.

## גאנצע צוויי יאר נישט גערעדט מיט זיין קינד!

עס האט מיר איינער דערציילט א שיינע זאך - טאקע א שיינע זאך. איינע פון די לעצטע צדיקים, א פארנומענער מענטש מיט חסידים מיט זאכן - אלע טאג האט ער גערעדט כאטש עפעס מיט יעדן קינד פון זיינע קינדער! ער האט געוואוסט אז ער איז שטארק פארנומען, אבער אלע טאג האט ער געזען מיט יעדעס קינד עפעס צו רעדן! און אין יעדעס רעדן איז געווען, אדער א ווארט פון אמונה, אדער א ווארט פון א מידה טובה, עפעס.

מיט אלע קינדער האט ער מצליח געווען!

---

זכרונו לברכה. ורובם ככולם התאכסנו בבית אביו זכרונו לברכה, ושמע הרבה מעשיות מצדיקים **ועל ידי זה היה עיקר התעוררותו להשם יתברך עד שזכה למה שזכה.**

**כו.** עיין ספר המידות ערך 'בגדים' חלק שני, אות א': **על ידי סיפורי מעשיות של צדיקים ממשיכין אורו של משיח בעולם, ודוחה הרבה חושך וצרות מן העולם;** גם זוכה לבגדים נאים. עיין גם "ליקוטי עצות" ערך 'צדיק', אות פ"ט, (ע"פ 'ליקוטי מוהר"ן סי' רל"ד): **"סיפורי מעשיות מצדיקים, דהיינו שמספרין מה שנעשה עמהם ואת כל הגדולות אשר עשו, הוא דבר גדול מאד ועל ידי זה נטהר מחשבתו, ועל ידי זה ממתיק הדינים וניצול מכל הצרות!".**

אַן אינטערסאנטע זאך, אַן איינפאל פון א אידן; כאטש ער איז דאך שטארק פאַריאָגט מיט חסידים - איר ווייסט דאך - מען פארגעסט אמאל פון די אייגענע קינדער... האט ער אלע טאג געזען צו געבן א קינד עפעס א זאך - 'מאך א ברכה הויעך - עס איז א גרויסע זאך, דער אויבערשטער האט א נחת רוח!', וכהנה, פשוט'ע זאכן, אזוי האט ער אלע טאג געזען ער זאל מיט יעדן איינעם כאטש כאפן עפעס א צוויי ווערטער.

'ראשית כל' ווערט מען נאנט צו א טאטן. און (והשנית,) מען לערנט זיך נאכדעם וויאזוי ער פירט זיך. עס איז אנדערע ווערטער.

א אינגל האט מיר אמאל געזאגט: **"ממש ניסים אז איך בין געבליבן א איד!"**. ער האט מיר געזאגט: **"מיין טאטע האט שוין נישט גערעדט מיט מיר צוויי יאר! מיין טאטע מיינט אז זיין קינד פילט עס נישט; גוט, ער איז פאריאגט מיט חובות מיט זאכן, אבער צוויי יארן נישט קומען און פרעגן 'וואס איך לערן', 'וואס הערט זיך'?!"** - א מורא'דיגע זאך!

א צדיק איז ער אז ער גייט נישט ארויס לתרבות רעה!

מען זאל נישט פארגעסן, מען דארף וויסן אז מען האט א מלכות דקדושה - 'וואס טוט זיך ארום מיר? וואס טוט זיך ארום מיר? ציהט זיך די אמונה הקדושה? עס וואקסט אמונה? עס וואקסט קדושה? עס וואקסט אידישקייט?!' אויב נישט - זוכט מען עצות - מען זוכט און מען זוכט ביז מען געפינט - אזא עצה, צו אזא עצה.

דער רבי האט מגלה געווען, יעדער איינער האט א מלכות דקדושה! אפילו מען איז נאר 'שורר בביתו', איז דאס אויך א מלכות דקדושה. ממילא דארף מען טאקע זען עס זאל זיין א שׂררה ווי עס דארף צו זיין, און אז מען וויל טאקע טון פארן אויבערשטן, העלפט טאקע דער אויבערשטער עס זאל ווערן א שררה.

דאס איז א זאך וואס איז ממש "בא ללמד ונמצא למד", ווייל דערווייל בויעט מען זיך אליין אויך; אז מען בויעט די קינדער, בויעט מען זיך אליין! עס איז געוואלדיגע זאך.

## ארייננכאפן דאס פייגעלע גרינגערהייט אין נעץ

מען זעט היינט ממש, אפילו דאס אליין וואס מען איז גוט צו די קינדער, ראטעוועט זיי אויך אסאך אין אידישקייט, ווייל די קינדער האבן א סיפוק אין לעבן.

דער רבי זאגט[כז], בשעת א מענטש איז אין א מבוכה, ער איז נערוועז, ער איז בעצבות, איז שׂורה אויף אים דינים, דארף ער זיך דעמאלטס מער היטן פון דעם יצר הרע. עס איז דא א משל פון רבי'ן דאכט זיך, אדער פון בעל שם, פארוואס כאפט דער בעל דבר א מענטשן דווקא בשעת ער איז (בדינים); ווייל וועלכע פייגעלע כאפט מען? אז זי איז הונגעריג, דעמאלטס גייט זי אריין (אין נעץ). אז זי איז נישט הונגעריג, גייט זי נישט אריין. אזוי אויך, דער בעל דבר קומט ווען מען איז צובראכן, דעמאלטס כאפט ער אים און רעדט אים איין - 'קום נעמען סיפוק ביי מיר!' - אזוי האט ער א נצחון רחמנא ליצלן![כח]

אז קינדער זענען פריילין, אז קינדער זענען צופרידן, אז דאס קינד ווייסט אז דער טאטע וויל אז עס זאל אים גיין גוט בגשמיות, איז ווען דער טאטע רעדט צו אים פון רוחניות, פארשטייט ער אויך אז דער טאטע וויל זיין טובה; אבער אז דאס קינד זעט אז זיין טאטע

---

**כז.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ב: **מי שיש עליו דינים, חס ושלום, ויש לו איזה צרה רחמנא ליצלן, צריך לראות ולהשתדל מאד להינצל מהיצר הרע אז, כי עיקר היצר הרע הוא מהדינים.**

**כח.** עיין במכתב הידוע של הרה"ק ר' מנחם מענדל מוויטעפסק זצוק"ל הנדפס בסוף ספר פרי הארץ - מכתב כ"ב, וז"ל בא"ד: **הנה כלל גדול בתורה להיות שמח בחלקו גם בעסק התורה ועבודה אם מעט ואם הרבה ויהנה ממנו, משא"כ אם אינו נהנה ושמח והנפש רוצה להנות, מתאווה תאווה**, וכו' עיי"ש. גם עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קפ"ט: צריך ליזהר מאד מעצבות ועצלות, כי **עיקר נשיכת הנחש הוא עצבות ועצלות**, עכ"ל. גם עיין שיח שרפי קודש (ברסלב), ח"ג, אות קמ"ז: מוהרנ"ת אמר: **"דער בעל דבר מאכט א מענטש זינדיגן, מיינט ער ניט אזוי דעם פגם, ווייל ער ווייסט אז מען קען טאן תשובה, ער מיינט נאר דעם אראפוואַרפן, ער וועט ווערן ביי זיך געפאלן - דאס מיינט ער איינגאנצן"**, עכ"ל שם.

- מיין גשמיות אַרט אים נישט, עס אַרט אים נאר רוחניות, קלערט ער אז דער טאטע וויל אים נאר באמוטשען חס ושלום.

דאס איז א געוואלדיגע זאך, מען דארף אליין אויסארבעטן די אייגענע מידות און ארבעטן אויף דעם, פשוטו כמשמעו, און דערווייל ווערט ער אליין פארראכטן.

עס איז אַן ארבעט, א גרויסע ארבעט, אַן עבודת הכרם, ווייל יעדעס ביימעלע איז אנדערש, יעדעס ביימעלע דארף האבן אַן אנדערע באהאנדלונג - אים דארף מען באקוקן די ווערים, אים דארף מען באגיסן - יעדן איינעם דארף מען אנדערש באהאנדלען, אבער אז מען באאַרבעט דעם כרם, זעט מען פירות בעזר ה' יתברך, ממש אזוי.

א מענטש איז טאקע מצווה אויף דעם![כט] די גאנצע שאיפה פון אברהם אבינו איז געווען - איבערצוגעבן דער אמונה הקדושה לבריות עולם! דאס איז די זאך וואס מען דארף. עס איז א גרויסע טובה פאר זיך. די ארבעט אין שטוב איז שוין עבודת ה', ממש אזוי.

## הונדערט שליסלעך

בפרט אין דער זאך וואס איז טוה לעצטנס - דער אויבערשטער זאל טאקע ווייטער העלפן, אז א מענטש זאל זוכה זיין צו מאכן די מאה ברכות בכוונה; אז מען הייבט אָן אליין צו מאכן די מאה

---

כט. עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז': **כמו שהאדם מְצֻוֶּה להעמיד בנים בעולם בשביל קיום העולם, כן הוא מְצֻוֶּה להכניס דעת ויראת שמים בבניו ובתלמידים, כי זה עיקר המצוה, שמְצֻוֶּה להעמיד תולדות לקיום העולם, כי העיקר להעמיד תולדות ממין בני אדם דוקא, ולא מין בהמות וחיות בדמות אדם.** על כן כל זמן שאין מאיר הדעת בבני אדם, ואינם יודעים ומרגישים אלקותו יתברך וממשלתו, אינם בכלל בני אדם, מאחר שאין בהם דעת לדעת את ה', שזה עיקר גדר האדם. ועל כן נחשב העולם כתוהו ובוהו, ועל זה נאמר: "לא תוהו בראה לשבת יצרה", כי צריכין לְיַשֵּׁב את העולם, שיהיה מישב העולם מבני אדם דייקא, דהיינו מבני דעה, שיודעין את השם יתברך.

ברכות בכוונה, נאכער אז דאס קינד זעט אז דער טאטע מאכט אלעמאל דעם "אשר יצר" בכוונה, ער מאכט ברכות מיט כוונה, ער בענטשט בכוונה, הייבט ער אָן אליין אויך נאכצומאכן דעם טאטן. טאמער נישט, אפילו דער טאטע רעדט מיט אים, זעט ער אבער אז דער טאטע פירט זיך 'אזוי'... - עס איז א מורא'דיגע שאָד. עס איז רעכט אז אויב מען זאל זיך נעמען צו די איין עבודה, אז די מאה ברכות זאל זיין פון הארצן פארן אויבערשטן, עפנט זיך אויף א וועלט מיט פתחים!

דער זוהר הקדוש זאגט[ל], ווען א נשמה גייט אראפ אויף דער וועלט דארף זי דאך האבן אסאך ישועות אויף דער וועלט - איר ווייסט דאך וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט - מען דארף דאך האבן ישועות בגשמיות, ישועות ברוחניות, איז גיט איר דער אויבערשטער מיט, הונדערט שליסלעך אויף ישועות – 'מאה ברכות', א מורא'דיגע זאך!

דער גאנצער חילוק פון בכוונה צו שלא בכוונה, איז א פערטל שעה א מעת לעת - לכל היותר; אז מען גיט דאס אוועק דעם אויבערשטן, האט מען פתחים פון ישועות!

## האב אינזין כאטש דעם אויסלאָז

דער טור אין אורח חיים סימן ק"א זאגט אַן אינטערסאנטע זאך[לא], אלעמאל ביי שמונה עשרה, אפילו מען זאגט דאס סתם אזוי ווי ס'גייט, אבער פארן (אויסלאזן דער) ברכה - שטעל זיך אפ, זיי מרבה בכוונה. (לדוגמא, אז מען הייבט אָן זאגן:) "ברך עלינו ה' אלקינו את השנה

---

ל. פר' לך דף עז ע"א.

לא. וזל"ש: **כתב הרב רבי אליעזר, שירגיל אדם עצמו שיכוין לפחות בחתימה של כל ברכה, שיש בהן מאה ושלש עשרה תיבות כמו שיש בתפילת חנה**, ומאה ושלש עשרה פעמים לב בחומש, לומר, שצריך בהן כוונת הלב.

הזאת ואת כל מיני תבואתה לטובה", איז ביי "ברוך אתה ה' מברך השנים" איז מען ממשיך שפע, מען איז ממשיך רעגן, און אזוי ביי יעדע ברכה[לב].

ווייל אז מען ציילט איבער וויפיל ווערטער עס איז דא (ביים אויסלאז) פון די אלע ברכות, זאגט ער, איז פאראן הונדערט און דרייצן ווערטער, דאס איז אנטקעגן די הונדערט און דרייצן ווערטער וואס איז דא אין "תפילת חנה", וואס זי האט ממשיך געווען שמואל הנביא.

'תפילת חנה' איז דאך נבואה, עס איז דאך רוח הקודש, זי איז דאך געווען פון די 'שבע נביאות'[לג]. איז חז"ל האבן מתקן געווען אז אזויפיל ווערטער וויפיל עס איז דא אין תפילת חנה, אזויפיל ווערטער איז דא אין די ברכות ביי שמונה עשרה. זאגט ער, דאס זאלסטו כאטש מכוון זיין!

אז מען זאגט די ברכה 'למען' אז די ברכה זאל אויפטון ווי עס דארף צו זיין, איז דאך אינגאנצן נישט קשה צו מכוון זיין אין דער ברכה אויך.

---

**לב.** עיין בגליון 'להמליכו וליחדו' (גליון ח' – מקץ תשפ"ד לפ"ק) וז"ל: שב"ק מקץ (שבת חנוכה) שנת תשע"א שאלו למורינו שליט"א איך אפשר להמשיך קדושת חנוכה לכל ימות השנה. ענה מורנו שליט"א ואמר: בזוהר איתא דלכן מתחילה התורה באות ב', כי כל הבריאה הוא בשביל ההודאה [ב' היינו ברוך], והרי אנו ממילא מברכים ואומרים מאה ברכות בכל יום, על כן כדאי ורצוי שנוסיף עוד כמה דקות לכוונת הברכות, כי ברכות בכוונה הם קשר גדול ונפלא להשי"ת, ועל ידי זה אכן ממשיכים את ימי ההודאה לכל השנה כולה בכל עת ובכל זמן.

וכאשר נתבונן נראה כמה יש לנו להודות על כל נשימה ונשימה, הרי חיות האדם הינו הנשמה, כי הגוף בלא נשמה לאו כלום הוא, ועל ידי שהשי"ת מאחד את הנשמה עם הגוף יש להגוף חיים, כי אם ח"ו יתפרד הנשמה מהגוף אין לו שום חיות, וזה האיחוד בין הנשמה להגוף מסור הוא אך ורק בידו יתברך, והוא המאחדם בכל עת ורגע **'על חיינו המסורים בידיך'**. וכל זאת מלבד כל הטובות המושפעים עלינו בכל עת ורגע, **'הטוב כי לא כלו רחמיך והמרחם כי לא תמו חסדיך'!**

**לג.** מגילה יד ע"א.

ווייל צו מכוון זיין דער גאנצער שמונה עשרה, דאס לאזט דאך נישט דער יצר הרע בשום אופן נישט[לד], מען דארף פאר דעם זיין א גיבור אדיר, אבער דאס (- העצה הנ"ל) איז א גוטע עצה.

אז מען הייבט אָן אליין צו מאכן ברכות בכוונה, נאכער הייבט מען אויך אָן צו לערנען די קינדער אז א ברכה מאכט מען הויעך וואָרט ביי וואָרט, און אויך אז אלע זאלן ענטפערן אמן הויעך, עס איז א געוואלדיגע זאך דאס!

## אנטדעקן אין דאס גשמיות אַן אור פון אצילות!

אין "ליקוטי הלכות" ברענגט רבי נתן אראפ[לה]; ביים דאווענען - ביז 'הודו' איז 'עשיה', און פון 'הודו' ביז 'יוצר' איז 'יצירה', און פון 'יוצר אור' ביז 'שמונה עשרה' איז 'בריאה', און 'שמונה עשרה' איז 'אצילות'.

---

**לד.** עיין שיחות הר"ן אות ע"ה: גם אמר רביז"ל: **שאי אפשר להתפלל כל התפלה בכונה כראוי רק כל אחד ואחד אינו מתפלל כי אם קצת מהתפלה בכונה, כנראה בחוש** שאחד אומר קטורת בכונה ואחד אומר פסוקי דזמרה בכונה וכו' וכיוצא בזה. וראיתי בכתביו תורה על זה, אך לא זכיתי להעתיקה. וקצת מה שאני זוכר משם הוא, שזה בחינת מה דאיתא בתיקונים (תיקון י"ח): דאית מארי דידין ואית מארי דרגלין וכו'. זה בחינה הנ"ל, שכל אחד מתעורר וזוכה להתפלל בכונה חלק מהתפלה כפי בחינתו. על כן אל יפול לב אדם בראותו שזכה להתפלל קצת בכונה איזה חלק מהתפלה ופתאום נפסק ואינו יכול עוד להתפלל כראוי בשום אופן, כי זה מוכרח כנ"ל. וישתדל להתפלל שאר התפלה בפשיטות גמור, וכו' עיין שם. גם עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קכ"א.

**לה.** עיין ליקוטי הלכות הל' תפילת המנחה ה"ו, אות א': **כי עיקר כבוד ה' יתברך ביותר הוא על ידי תפילה דייקא, על ידי שמתפללין ומבקשין מה' יתברך כל צרכיו כל מה שחסר לו בגשמיות וברוחניות.** כמו שכתוב **"וקראני ביום צרה אחלצך ותכבדני"**, כי זה עיקר כבודו. **ועל כן תפילת שמונה עשרה גבוה מאד ויקר מכל סדר התפילה כמובן בכוונות**, כי אף על פי שעל ידי כל פסוקי דזמרה וברכת המאורות מגדלין כבודו יתברך ומודיעין שהוא יתברך יחיד בעולמו וברא הכל לכבודו, אף על פי כן עיקר שלימות הגדלת כבודו ביותר הוא על ידי התפילה. שבזה שמתפללין על צרכיו, בזה מודים שה' יתברך מנהיג עולמו ומשגיח בפרטיות על כל דבר שבעולם ובידו לשנות הטבע. ונתן לנו כח ורשות לרצותו ולפייסו בתפילה ותחנונים, עד שישוב ממדת הדין למדת הרחמים לבטל כל הגזירות שאינם טובים ולמלאות כל מחסורנו, וכו' עיין שם.

פרעגט רי נתן, אין שמונה עשרה רעדט מען דאך וועגן גשמיות, פארוואס איז דאס אצילות? זאגט רבי נתן - יא! ווייל די אמונה אז דאס גשמיות איז פון אויבערשטן אליין, אט דאס איז דער אור פון אצילות!

מען מאכט (דער ברכה) "מלבוש ערומים", אז עס איז נישט קיין מקרה! איינס-צו-צוויי גייט מען נאקעט - דער אויבערשטער זאל אפהיטן! אז דו דאנקסט אים - "מלבוש ערומים", האסטו אים ממליך געווען אויף די בגדים! די בגדים מאכן דיר 'אורות המקיפים' וואס זיי לאזן דיר נישט צו קיין אפיקורסות מיט קיין שמוץ[לו], ווייל דו האסט געדאנקט אויף די בגדים.

אז דו קוקסט - דאנק דעם אויבערשטן וואס דו ביסט נישט אויפגעשטאנען בלינד! מאך א ברכה "פוקח עוורים"! איינס-צו-צוויי, בכל עת ורגע, קען א מענטש ווערן בלינד רחמנא ליצלן - דער אויבערשטער זאל אפהיטן! עס איז אלץ מן השמים! מורא'דיג!

אט דאס איז פון אצילות, אלץ איז פון אויבערשטן![לז]

---

**לו.** עיין ליקוטי הלכות הל' ערב ה"ב, אות ד': **הבגדים והמנעלים הם דברים גבוהים מאד, והם בבחינת שמירה של האמונה בסוד החשמ"ל כידוע.**

**לז.** ראוי לציין דברי מורינו שליט"א מענין לענין בספר אוסף מכתבים (ח"ג שיעורי שב"ק) וז"ל: ואעפ"כ למרות שיש להקב"ה עולמות גבוהים ונשגבים כאלו, עיקר נחת רוחו של הקב"ה הוא מעבודת העולם הזה הגשמי המלא הסתרות. וכמו שמובא על **'אין שמחה אלא בבשר'** – כלומר אין שמחה לפני השי"ת כמו השמחה הזאת כאשר הבשר ודם הבעל בחירה עובד את השי"ת למרות כל המניעות וההסתרות והיסורים דהאי עלמא. כי אמנם הרבה מלאכים ושרפים יש להקב"ה שעובדים אותו בהתלהבות גדולה ובלי הפסק, אבל עיקר התענוג מקבל השי"ת דייקא מהאדם הילוד אשה הקרוץ מחומר מגושם, ונמצא בעלמא דפרודא שהוא המסך המבדיל בפני השגת אלקותו יתברך, ובכל זאת הוא מתחזק בכל כוחו להאמין שגם במצב כזה אפשר להשליט הנשמה על הגוף ולהיות כאן בעולם הגשמי כעין דוגמא של מעלה, כי הרי גם במלאכים מצאנו ענין האמונה בעבודתם את בוראם, כמו שכתוב (תהלים קג) **"ברכו ה' מלאכיו גבורי כוח עושה דברו לשמוע בקול דברו"** – ר"ל שגם אצלם שייך האמונה שמקדימים ה"נעשה" ל"נשמע", אבל כמובן שעיקר נחת רוח של השי"ת הוא מאנשי העולם הזה המקדימים נעשה לנשמה.

## "בדרך שאדם רוצה לילך, מוליכין אותו"

וואס מער מען טוט אין דעם און מען גלייבט אין דעם, גיט דער אויבערשטער דער שפע מיט מער הארת פנים, און אז מען שפירט מער די הארת פנים, שפירט מען מער די אמונה, און אז מען שפירט מער די אמונה, גייט די 'הארת פנים' נאך ווייטער.

ווי שטייט נאר פון בעל שם? דער בעל שם פלעגט תמיד זאגן[לח]: "**ה' צִלְּךָ**"[לט]; ער איז אזוי ווי א צל, וואס אזוי ווי איך מאך - אזוי מאכט דער צל; האסטו אמונה - וועט מען דיר ווייזן אמונה, האסט נאכמער אמונה - וועט מען דיר ווייטער ווייזן אמונה. וואס מען האט מער אמונה, ווייזט מען מער אמונה. און אז ער לעבט ח"ו מיט 'מקרה' - ווייזט מען אים 'מקרה', דער אויבערשטער קען אלץ באווייזן אויף 'מקרה'.

ער ברענגט אראפ[מ] דעם פסוק: "**וְאִם תֵּלְכוּ עִמִּי קֶרִי**" - אז מען וועט מיינען אז עס איז א מקרה, "**וְהָלַכְתִּי עִמָּכֶם בַּחֲמַת קֶרִי**" חס ושלום. אז דו וועסט זיך פירן מיט 'מקרה' - אין מקרה איז דא אסאך 'חמת' רחמנא ליצלן; אבער אז דו וועסט לעבן מיט השגחה, וועל איך דיר ווייזן השגחה; 'בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו'[מא].

עס שטייט[מב]: "**וְדִבֶּר ה' אֶל מֹשֶׁה פָּנִים אֶל פָּנִים**"; וואספארא פנים משה האט געהאט צום אויבערשטן - אזא פנים האט צו אים דער

---

**לח.** עיין קדושת לוי פר' נשא, וז"ל: והכלל הוא כך, **דהנה הבעל שם טוב היה מוכיח תמיד את העולם בזה הפסוק** (תהלים קכא, ה) **ה' צלך**, דהיינו כמו שהצל עושה מה שאדם עושה כך הבורא ברוך הוא כביכול עושה מה שאדם עושה. ולכך צריך האדם לעשות מצות וליתן צדקה ולרחם על העניים כדי שיעשה הבורא ברוך הוא גם כן עמו טובות.

**לט.** תהלים קכא, ה.

**מ.** הרמב"ם בהל' תענית פ"א, ה"ג, וז"ל בא"ד: הוא שכתוב בתורה (ויקרא כו, כא) **והלכתם עמי בקרי והלכתי עמכם בחמת קרי**. כלומר, כשאביא עליכם צרה כדי שתשובו, **אם תאמרו שהוא קרי, אוסיף לכם חמת אותו קרי**.

**מא.** מכות י' ע"ב.

**מב.** שמות לג, יא.

אויבערשטער געוויזן[מג]; אז ער האט געהאט א שטארקערע פנים - אזוי האט מען אים געוויזן. ביז עס איז געווען, **"וּתְמֻנַת ה' יַבִּיט"**[מד], אז וואס ער האט געזען - האט ער געזען דעם אויבערשטן, אין אלץ האט ער געזען דעם אויבערשטן! און וואס ער האט מער געזען דעם אויבערשטן - האט ער נאך מער געזען. עס איז אַן ענין פון "בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו", דאס איז א געוואלדיגער כלל.

## נאך איין מזל ער איז נישט קיין גאלדשמיד...

איך זאג אלץ א משל, עס איז געווען א שמיד-אייזן. א שמיד-אייזן שמידט אייזערנע בעטן מיט די אלע זאכן. האט ער געזאגט, ווען ער וואלט געווען א גאלדשמיד וואלט ער אויסגעגאנגען פאר הונגער, ער וואלט נישט געהאט קיין פרוטה, ער האט דערויף א ראיה מוכרחת דלית ליה פירכא. וואס איז דער ראיה? זאגט ער, איך בין שוין דרייסיג יאר א שמיד און קיינער האט מיר נישט געבעטן צו פארריכטן א פינגערל, צו א קייטעלע, צו א גאלדענעם זייגער, זעסטו דאך אז ווען איך בין ווען א גאלדשמיד גיי איך אויס פאר הונגער...

(אבל האמת,) וואספארא קלייט דו עפנסט, דאס גיט מען דיר; אז דו עפנסט א קלייט פון אמונה, גיט מען דיר אמונה - אמונה און אמונה און אמונה, פלאי פלאות, ממש עס ווערט "ותמונת ה' יביט"; אויב

---

**מג.** עיין אור החיים הקדוש עה"פ שם, וז"ל: ודיבר ה' וגו' פנים אל פנים. הכוונה בזה היא, **כי כפי שיעור ההכנה שהיה עושה משה להקבלת פני שכינה, לאותו שיעור תהיה ההשגה מפנים העליונים**, כי כפי אשר יכין אדם עצמו להשפעת הקדושה, ישיג. ואומרו 'כאשר ידבר איש אל רעהו' יתבאר לדרכינו על דרך אומרו (משלי כז יט) 'כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם', פירוש, כי הלבבות ישכילו בנעלם אם לאהוב אם לשנוא, כי כפי אשר יכין האדם לבו לאהוב חבירו, כמו כן יתבונן לב חבירו לאהוב אותו, והוא אומרו כאשר ידבר איש אל רעהו שלא יאהבהו אם לא יכין לבו להיות גם הוא רעהו, כמו כן דיבר ה' פנים אל פנים, **ומעתה יבחין אדם מה הוא עם קונו, אם לבבו יתאוה ויחשוק בה' ובעבודתו הנה זה סימן כי ה' אהבו.**

**מד.** במדבר יב, ח.

פון אפיקורסות - ווייזט מען אפיקורסות. אזוי ווי דער רבי זאגט[מה], פאר אַן אפיקורס שיט מען אונטער דעם 'פּוּל', דעם 'אבק', פון אפיקורסת, אז וואו ער גייט זעט ער אפיקורסות, און וואס מער ער ווערט אַן אפיקורס, זעט ער מער אפיקורסות.

דאס איז עס, "ה' צלך"!

"בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו"!

## "וְעַד דֹּר וָדֹר אֱמוּנָתוֹ"

אט דאס איז אונזער תפקיד, מען זאל זען אז די אמונה הקדושה זאל זיך ציען ווייטער, עס זאל זיך ציען ווייטער, מען זאל נישט אוועקגיין - "לא תשוב ריקם"![מו]

אז דו בויעסט דער אמונה אין זיך, אין די קינדער, אין די חברים, איז מען איז א שותף להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית! אט דאס וויל דער אויבערשטער מיטן 'בריאת העולם', אט דאס וויל דער אויבערשטער! ממש דו האסט אויפגעבויעט דער בריאה! דאס גאנצער עתיד ווערט געבויעט כפי וואס מען פירט זיך אויף דער וועלט!

בפרט, דער הייליגער רבי האט דאך אזויפיל גערעדט פון מקרב זיין נפשות[מז]. מען דארף נישט זוכן ווייט, עס איז דא געגוג וואס

---

**מה.** עיין מעשה ג' מספה"ק סיפורי מעשיות - מעשה מחיגר.

**מו.** עיין ליקוטי הלכות הל' פריה ורביה ה"ד: **וזה גודל החיוב לישא אשה כדי לפרות ולרבות בשביל קיום העולם, כדי שיתגלה אמונתו ומלכותו על ידי ריבוי בני אדם שבכל דור ודור, כי צריכין להמשיך האמונה הקדושה מדור לדור, כמו שכתוב, "ועד דור ודור אמונתו", "לדור ודור אמונתך כוננת ארץ ותעמוד". שעיקר בריאת וקיום העולם שכונן ארץ ותעמוד הוא בשביל לדור ודור אמונתך שימשיכו האמונה מדור לדור.**

**מז.** עיין חיי מוהר"ן אות תקמ"ג: **כמה פעמים היה מדבר הרבה עמנו והזהיר אותנו מאד לקרב נפשות להשם יתברך, להשתדל לדבר הרבה עם בני אדם כדי לעוררם ולהשיבם לקרבם להשם יתברך.** ורצונו היה אפילו לדבר עם בני העולם שיחות חלין בעסקי העולם,

מען קען זיי דא מחזק זיין, "**אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק**"[מח], מיט אמונה, מיט בטחון, ממש עס איז א געוואלד! דאס איז דברים פשוטים מאד!

די וועלט זוכט היינט, מען איז איינגעוואוינט מיט פאטענטן מיט נייע זאכן - אמונה אמונה! "**בא חבקוק והעמידן על אחת - 'וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה'**"[מט] - 'יחיה' ממש; 'יחיה' פאר זיך, און 'יחיה' פאר יענעם! אזא לעבן איז א אמת'ע ריכטיגע לעבן! עסן מיט אמונה[נ] - מיט א ברכה, מיט א נאך-ברכה.

## תחיית המתיםביים עסן

דער אר"י הקדוש זאגט א מורא'דיגע זאך[נא], אין דאס עסן איז דאך דא אַן עירוב פון 'טוב ורע', [די גאנצע בריאה איז מעורב טוב ורע],

---

אולי יצמח ויתגלגל מזה דיבורים שיעוררו אותם להשם יתברך **ואפילו אם לא יפעל כי אם תנועה בעלמא, שיכנס בהם איזה הרהור תשובה או התעוררות לפי שעה, גם כן טוב מאד**, מכל שכן שיכול להיות שברבות הימים, כשידבר עמהם ויחזור וידבר, אולי יזכה לעוררם באמת להשם יתברך ולקרבם לעבודתו יתברך אשר אין דבר גדול מזה, כמובא בכל הספרים בפרט בזהר הקדוש, כמו שכתוב שם 'זכאה מאן דאחיד בידא דחייבא וכו' וקודשא בריך הוא משתבח בה בכל עלמין'. והוא זכרונו לברכה האריך לדבר עמנו כמה וכמה פעמים מזה, וזירז אותנו לזה מאד בכמה מיני לשונות. וכמה פעמים היה מבזה אותנו בבזיונות על שאנו מתעצלים בזה, ופעם אחת קרא אותנו עצים יבשים על שאין אנו מולידים נפשות שיתקרבו להשם יתברך על ידינו.

**מח.** ישעי' מא, ו.

**מט.** ע"פ גמ' מכות כד ע"ב.

**נ.** עיין ליקוטי מוהר"ן ס"ב (ע"פ ליקוטי עצות): מאכל איש הישראלי צריך להיות מאכל אחר שנתברר ואין בו שום תערובות מהסטרא אחרא, כי מאכל שיש בו תערובות, על ידי מאכל כזה יוכל האדם לחטוא, **והיברור של המאכלים הוא על ידי אמונה** שזוכין על ידי תענית, **ואז נעשה על ידי אכילתו יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה אפין באפין.**

**נא.** שער רוח הקודש ח' ע"ב, וז"ל: כי **עיקר השגת האדם אל רוח הקודש תלויה ע"י כונת האדם וזהירות בכל ברכת הנהנין**. לפי שעל ידם מתבטל כח אותם הקליפות הנאחזות במאכלים החומריים ומתדבקים בהם באדם האוכל אותם. וע"י הברכות שעליהם הנאמרות

וואס דערפאר ברענגט דאס עסן צו א טומטום הלב, עס ברענגט צו צו עבירות; אבער אז מען מאכט א ברכה בכוונה - 'רבונו של עולם, "המוציא לחם מן הארץ"' - וואו איז געווען די ברויט? עס איז געווען אין דער ערד, דאס איז דאך תחיית המתים! אז מען עסט - דאס איז תחיית המתים; ווייל אוואו איז עס געווען? עס איז דאך נישט געווען במציאות, איז דאך - 'מצמיח ישועות'! און דער אויבערשטער האט דאס מיר געגעבן בכבוד, נישט "אני וחמור אוכלין באבוס אחד"[נב] - מאך א ברכה! מאך א נאך ברכה! דעמאלטס וועט דאס עסן דיר מקַדש זיין אז דו וועסט זוכה זיין צו רוח הקודש! דער הייליגער באשעפער וועט דיר געבן הייליגע מחשבות, נאר דער עיקר - דאנק דעם אויבערשטן - 'איך דאנק דיר! איך בין גארנישט ווערד, אבער דו גיבסט דאס מיר, דו גיבסט עס מיר!'.

דערפאר, ווען א צדיק עסט, איז דא ביים אים השראת השכינה. ווייל עס שטייט[נג]: "**וְאֹכֵלָה וַאֲבָרֶכְכָה לִפְנֵי ה'**". ווען א צדיק עסט, שפירט ער ווי דער אויבערשטער גיט אים דאס עסן. דער שורש השראת השכינה איז ביים עסן! "ואברככה לפני ה'" - עס ווערט א הארת פנים, ער שפירט ווי דער אויבערשטער איז תמיד דא מיט אים!

## דאס פשטות און תמימות פון יעקב אבינו

מען זעט, אינטערסאנט, דער אויבערשטער זאגט[נד]: "**וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם**". איר ווייסט וואס הייסט א "תם"? איר ווייסט וואס הייסט א תמימות פון א מענטשן? יעקב איז דאך געווען רייך, פון די גרעסטע

---

בכונה, הוא מסיר מהם הקליפות ההם, ומזכך החומר שלו ונעשה זך ומוכן לקבל קדושה. **והזהירני מאד בזה.**

**נב.** פסחים קיח ע"א.

**נג.** בראשית כז, ז.

**נד.** בראשית כה, כז.

עשירים אין דער וועלט, זיין רכוש האט פארנומען גאנץ ארץ ישראל, עשיו האט געמוזט אנטלויפן פון אים ווייל ער האט נישט געהאט קיין פלאץ פאר זיין רכוש - אזויפיל[נה], און אין מצרים ווייטער איז ער געוועזן 'סמוך על שולחנו של יוסף'. ווייסט איר וואס ער האט געדאנקט פארן שטארבן? **"הָאֱלֹקִים הָרֹעֶה אֹתִי מֵעוֹדִי עַד הַיּוֹם הַזֶּה"**[נו] - דער אויבערשטער וואס גיט מיר תמיד עסן! איר ווייסט וואס דאס הייסט? 'מעודי' - פון זינט איך בין געבוירן געווארן גיט מיר דער אויבערשטער עסן!

אט אזוי איז דאס עסן פון א צדיק!

דאס עסן איז געוועזן הוילע 'זיו השכינה'!

א ריינע אמונה אז דער אויבערשטער גיט דאס מיר!

בתמימות, בתמימות, בתמימות! דאס איז דער שבח וואס דער אויבערשטער האט געגעבן פאר יעקב אבינו!

יעקב אבינו איז דאך געוועזן אזוי גרויס ווי אדם הראשון קודם החטא![נז] עס איז מורא'דיג וואס טוט זיך מיט יעקב אבינו! דער זוהר הקדוש זאגט[נח], ווען מען ווייסט ווען דאס גרויסקייט פון יעקב אבינו, וואלט מען שוין דריי פרסאות פון זיין קבר געקושט דער ערד! דאס איז עפעס אזא מין נשמה - דער 'בחיר שבאבות'![נט] און זעט, גיט א קוק - אזא שטארקע אמונה, דאס גאנצע עשירות האט ער דורך - "האלקים הרועה אותי מעודי"!

---

**נה.** בראשית לו, ו-ז.

**נו.** בראשית מח, טו.

**נז.** עיין זוהר תולדות קמב ע"ב.

**נח.** פר' שמות דף ה.

**נט.** מדרש רבה פר' וישלח פר' ע"ו, פס' א'.

אז דאס איז ליכטיג, פאר דעם אליין גיט דער אויבערשטער שפע,[ס] עס איז אַן אנדערע וועלט! די שפע אליין איז הוילע אלוקות!

עס ווערט געבראכט פון חתם סופר[סא] [- עס איז א חסידישע ווארט], אז 'יעקב אבינו חזר על הפכים קטנים' - ווייל דער רכוש פון צדיק איז פול מיט אלוקות, ממילא איז געווען א שאד אויף די פכים קטנים אז עס זאל גיין לאיבוד דאס אלקות פון דעם!

**צוויי אנדערע מענטשן**

על-כל-פנים, אט דאס איז דער תכלית פון יעדן אידן - סיי צו זיין א מלך אויף זיך (בפרטיות) - אויף זיינע רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו אז עס זאל זיין "והיתה לה' המלוכה". דער אויבערשטער האט דאך נישט געגעבן דער מלוכה 'כעבד למלאות תאוותו', די בחירה איז אז דו זאלסט זיין א גוטער מלך אויף דיר אז עס זאל זיין "והיתה לה' המלוכה". און סיי עס זאל זיין (בכלליות) - וואו מען רירט זיך זאל זיין 'המְלָכה'!

דער אויבערשטער זאל העלפן אז מען זאל זיך באנייען 'איבער א נייעס' (- 'פונדאסניי') מיטן גאנצן כח - מען דארף זיך דאך באנייען אז מען זאל נישט איינשלאפן - צו וויסן אז אונזער גאנצער תכלית איז: ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף זיך, און ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף דער גאנצער וועלט!

מען דארף וויסן, דאס איז דער גרעסטער קנאק אין דער וועלט! דער גרעסטער תיקון אין דער וועלט!

---

**ס.** עיין באוסף מכתבים (חלק ג מכתב קצ"ט) וז"ל מורינו שליט"א: האמן לי שכל חיותי וכל תקותי הוא אך ורק מהאמונה מהכל יכול כהרף עין להפוך את כל המרירות למתיקות; מ'הצרה' 'רצה', מה'מר' 'רם', מ'רציחה' 'הרחמים' (בגמטריא). והם הם גדולותו ונוראותיו, לרחם אף על מי שאינו הגון.

**וכדאיתא ש'אמונה' הוא לשון המשכה, להמשיך עי"ז המתקה וישועה מאתו יתברך 'על ידי פלא עליון שאין שם תערובת דין כלל'.**

**סא.** עיין חתם סופר על התורה בראשית לב, כה, בד"ה "ויותר יעקב לבדו".

מען איז אַן אנדער מענטש אינגאנצן! אזוי ווי דער רבי זאגט[סב], (מען קען נישט זען) דער חילוק פון אַן 'ערליכע איד' מיט 'נישט קיין ערליכע איד', זיי זענען דאך ביידע די זעלבע בויך מיט קושקעס. די זעלבע זאך, עס איז פארהאן איינער וואס איז "**טַב לֵיהּ דְּלָא אִתְבְּרֵי**" (- טוב לו שלא נברא), און עס איז פארהאן איינער וואס די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן צוליב אים. ווען? בשעת מען פירט א מלכות דקדושה!

שוין, דער אויבערשטער זאל העלפן אז מען זאל זיך באנייען לטובה מיט הצלחה - הצלחה ברוחניות, און הצלחה בגשמיות.

---

**סב.** עיין שיחות הר"ן י"ד. גם עיין גם ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קט"ז, וז"ל: הצדיק הוא בדמות וצלם ככל האנשים ואין בו שום שינוי, ואף על פי כן הוא ענין אחר לגמרי, ושארי בני אדם אינם בדמותו כלל באמת לאמיתו, כמו שאמר רביז"ל, **שאיש הכשר נדמה שהולך עם כרכשות ודקין כמו שאר בני אדם, ואף על פי כן הוא ענין אחר לגמרי.**

# מזלא טבא וגדיא יאה

הרבני הנגיד והנכבד, איש ישר וטוב לב,
ולבו ער לכל דבר שבקדושה

ה"ה

**מוה"ר נחמי' פערלשטיין הי"ו**

לרגל נישואי בתו החשובה למז"ט ובשעטו"מ

עב"ג

**הבה"ח יחזקאל שרגא בן**

**מוה"ר דוד לייב לעפקאוויטש הי"ו**

*

הרבני הנגיד והנכבד, איש ישר וטוב לב,
אוהב תורה ולומדיה

**מוה"ר רפאל ארי' קרויס הי"ו**

לרגל שמחת אירוסי בנו

**החה"ח אלעזר ליפא נ"י**

עב"ג

**בת מו"ה יעקב יואל באנדא הי"ו**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שהזיווגים יעלה יפה יפה, ואך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם, לתפארת משפחתם החשובה, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו בב"א

# לזכרון בהיכל ה'

מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

לעי"נ זקינו

מוה"ר **אברהם יחיאל** ב"ר **חיים** ז"ל

נלב"ע ר"ח טבת

*

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

לעי"נ אביו

הרה"ח **חיים אלעזר** ב"ר **מרדכי מתתיהו** ז"ל

נלב"ע י"ט כסלו תשפ"א

ת.נ.צ.ב.ה

*

## רפואה שלימה

האי גברא רבא ויקירא, הרבני הנכבד והמפואר, רחים ומוקיר רבנן, ואיהו גופיה מצורבא דרבנן

הרה"ח ר' **מנחם דוד** בן **חנה גיטל** לרפו"ש

מגדולי תומכינו

שמוטל על ערש דוי

ויה"ר שהקב"ה ירפהו במהרה ברמ"ח אבריו ושס"ה גידיו, ויזכה לקבל פני משיח צדקינו במהרה באנפין נהירין ובחדוא עילאה.

# יאמץ לבך

אויף די צובראכענע און צוקלאפטע נפשות שטייט דאך ביי עמלק: "**ויזנב בך כל הנחשלים אחריך**", און דא שטייען די צדיקי הדור און זיי שיינען אריין א הארה אז מען זאל זיך נישט מייאש זיין.

אבער א ווי ווייט?! אפילו פאר די ווייטערע נשמות, פארן ערגסטן בעל עבירה שאין עבירה אחריו, די הייליגע צדיקי הדורות דריקן זיך אויס אזעלכע לשונות – אז אלע קענען מקורב ווערן צום אויבערשטן!

דער בעל דבר נער'ט זיי נאר אפ אז זיי קענען נישט!

**אבער דער אמת איז אז אלע אלע אָן א אויסנאם קענען מקורב ווערן צום אויבערשטן, ווי די גרעסטע צדיקים!**

**מען דארף נאר צוהערן און גלייבן אין וואס זיי זאגן!**

(מתוך דב"ק בסעודת הילולות מוהרנ"ת זצ"ל באחד השנים)